בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ראה תשע"ו | שבת ראש חודש | גליון 374 [שנה ח']

**קוק אויף זיך אליין**

רְאֵה אָנֹכִי: (י"א כ"ו) מען דערציילט אז א איד איז אמאל אריין צום הייליגן סאטמאר רב דער בעל דברי יואל זצוק"ל און שטייט און קוקט אויף די הייליגע צורה פון רבין און זאגט גארנישט און בעט נישט קיין בקשה. נאך א פאר מינוט פרעגט אים דער רבי "וואס האט ער געדארפט?" ענטפערט דער איד, אז ער האט געזען אין אור החיים הק' אויפן פסוק "ראה אנכי" אז משה האט געזאגט אז מען זאל קוקן אויף זיין פנים וועט דאס ברענגען א ברכה פאר די וואס קוקן, וועגן דעם קוקט ער אויפן צורה פון רבין! רופט זיך אן דער רבי: אנכי מיינט "זיך" בעסער קוק אריין אין דיר און זעע וואס דו דארפסט ביי דיר פארעכטן. אגב אין א ענדליבן בחינה האט הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן געטייטש דעם פסוק (תהלים קד כג) יֵצֵא אָדָם לְפָעֳלוֹ וְלַעֲבֹדָתוֹ: דאס מיינט א מענטש זאל פריערט יוצא זיין אויף זיין ארבעטן און טוענדיג אין עבודת ה' עֲדֵי און נאכדעם עָרֶב קען מען אינזינען האבן און קוקן אויף יענעם. ערב איז דער לשון פון כל ישראל עריבין זה לזה.(שמח זבולון)

**דורך תפילה איז מען מקבל די ברכה**

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה... אֶת־הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ... וְהַקְּלָלָה אִם־לֹא תִשְׁמְעוּ: (י"א כו–כח) דארף מען פארשטיין וואס איז דער לשון "לִפְנֵיכֶם"? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס דער ספר העיקרים פרעגט ווי אזוי העלפט תפילה צו מבטל מאכן א גזירה וואס דאס איז חלילה ווי דער אויבערשטער האט מְשַׁנֶה געוועז זיין הייליגע רצון! און ער ענטפערט אז דער ענין איז אז דער אויבערשטער האט א צינור – א רער – וואס איז משפיע א בְּרָכָה, און א צינור וואס איז משפיע א קְלָלָה, און עס ווענדט זיך וואו דער כלי פון מענטש שטייט צו מקבל זיין די השפעות, און ווען א מענטש איז מתפלל צום אויבערשטן ווערט ער א כלי און דורך זיין אמונה שאפט ער א כלי וואס שטייט אונטער די השפעות פון בְּרָכָה און אויב ער האט נישט אמונה האט נישט קיין כלי און קען נישט מקבל זיין די בְּרָכָה, ממילא איז דא די קְלָלָה עכ"ד העיקרים, דאס מיינט דער פסוק רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן "לִפְנֵיכֶם", עס ליגט פאר אייך א בְּרָכָה וּקְלָלָה,ביידע ליגן פאר אייך, נאר עס ווענדט זיך: אֶת־הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ, אז מען האט אמונה בה', שאפט מען א כלי צו מקבל זיין די בְּרָכָה, אבער אויב חלילה אִם־לֹא תִשְׁמְעוּ, האט מען נישט די אמונה צו שאפן א כלי מקבל צו זיין די בְּרָכָה. (תפוחי חיים פאנעט קארלסבורג)

**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ א לשון יחיד און נישט אֱלֹקֵיכֶם**

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם: (י"א כו) פרעגן אלע די קשיא פארוואס דער פסוק הויבט אן מיט ראה א לשון יחיד און ענדיגט לפניכם א לשון רבים? נאך איז שווער וואס דער מדרש זאגט אויף אנכי פון עשרת הדברות מכאן שישראל עריבין זה בזה, אז אלע אידן זענען א ערב פאר א אנדערן, וואס דאס איז א מדרש פליאה? נאר מען קען דאס אלעס פארענטפערן לויט וואס עס שטייט ביי פינחס אז דער אויבערשטער זאגט (במדבר כה יג) וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו וַיְכַפֵּר עַל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: פתח איז שווער אויב דער אויבערשטער זאגט דאס, וואלט געדארפט שטיין תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לִי, און נישט לֵאלֹקָיו? ענטפערט דער גאון ר' מאיר א"ש אין נאמען פון זיין הייליגן שווער הגאון ר' דוד דייטש דער אוהל דוד, ווען דער אויבערשטער זאגט אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ א לשון יחיד און נישט אֱלֹקֵיכֶם א לשון רבים, ווייל דער אויבערשטער וויל אז יעדער איד זאל טראכטן ביי זיך כאילו נאר פאר אים איז געגעבן געווארן די תורה ווייל אויב א מענטש וועט זען ווי אנדערע מענטשן היטן נישט די תורה זאל עס אים נישט אפשוואכן, און דאס איז געווען ביי פינחס ווען ער זעט די גרויסע פירצה ביי כלל ישראל און קיינער איז נישט מוחה האט ער געטראכט כאילו נאר פאר אים איז געגעבן געווארן די מצוה פון אויבערשטן און נישט געקוקט אויף די גדולי הדור וואס זענען נישט מוחה, דאס מיינט לֵאלֹקָיו עס איז נאר זיין גאט וואס האט געגעבן די תורה נאר פאר אים, דעריבער שטייט ביי עשרת הדברות אנכי ה' אלקיך א לשון יחיד עכ"ד, לויט דעם איז גוט אונזער פסוק ראה א לשון יחיד, אז אנכי וואס שטייט ביי עשרת הדברות איז ווייל דו זאלסט טראכן אז נאר דו האסט באקומען די תורה, און גיי אין דעם ריכטיגן וועג, אבער פונדעסטוועגן איז שווער פארוואס שטייט נאכדעם לפניכם א לשון רבים? צו לערנען וואס די מדרש זאגט שכל ישראל עריבין זה בזה. אז מען דארף פארט טראכטן פון א צווייטן איד. (תורת יפה בעסערמין)

**שכר פאר הכנה למצוה**

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה... אֶת־הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ: (י"א כו) פרעגן די מפרשים אז מיר האבן דעם כלל שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין דף לט:) אויב אזוי ווי קען זיין דא די שכר א ברכה פאר טאן די מצוות? אויך דארף מען פארשטיין וואס מיינט לִפְנֵיכֶם? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס דער הייליגער קדושת יו"ט פרעגט אין פרשת וישלח ווי אזוי האט יעקב אבינו געקענט זיך באנוצן מיט מלאכים? און אויב צוליב זיינע מצוות האט ער געמעגט, איז דאס בגדר שכר און שכר בהאי עלמא ליכא? נאר מען קען זאגן אז די מלאכים זענען באשאפן געווארן פון יעקב'ס הכנה פאר די מצוות, און פאר א הכנה למצוה באקומט מען שכר אויף די וועלט, דעריבער האט יעקב געמעגט זיך באנוצן מיט די מלאכים, און ער טייטש דאס אין פסוק (בראשית לב ד) וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים, איי ווי אזוי האט ער דאס געמעגט טאן עס איז שכר? דעריבער שטייט "לְפָנָיו" די מלאכים זענען באשאפן פון די הכנות פאר די מצוה עכ"ד. דאס קען זיין פשט ביי אונז אויך רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם, "לפניכם" מיינט איך גיב אייך די הכנה פאר א מצוה אז פון דעם הכנה וועט זיין הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ, באקומען שכר אויף דעם וועלט, מיט דעם מהלך טייטשט זיין זון ר' עוזר הכהן פריעד די פסוק (דברים ו כה) וּצְדָקָה תִּהְיֶה־לָּנוּ כִּי־נִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת ... לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵינוּ כַּאֲשֶׁר צִוָּנוּ: וואס הגם שכר מצוה ליכא, אבער אויף הכנה פארן מצוה איז דא שכר דעריבער שטייט וּצְדָקָה תִּהְיֶה־לָּנוּ, פארוואס כִּי־נִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת ... "לִפְנֵי" ה"א, די הכנה פארן מצוה, פארדעם איז דא שכר וּצְדָקָה תִּהְיֶה־לָּנוּ. (תורת יפה בעסערמין)

**די באי הארץ זענען געווען גאר גרויסע צדיקים**

אֵלֶּה הַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תִּשְׁמְרוּן לַעֲשׂוֹת בָּאָרֶץ... כָּל־הַיָּמִים אֲשֶׁר־אַתֶּם חַיִּים... וּפְסִילֵי אֱלֹהֵיהֶם תְּגַדֵּעוּן וְאִבַּדְתֶּם אֶת־שְׁמָם מִן־הַמָּקוֹם הַהוּא: (יב א–ג) דארף מען פארשטיין וואס איז די סמיכות פון אֲשֶׁר תִּשְׁמְרוּן לַעֲשׂוֹת בָּאָרֶץ היטן די מצוות אין א"י און אַבֵּד תְּאַבְּדוּן די ער"ז? נאר די גמ'(מו"ק דף כה:) ברעגט וואס איז געשען ווען די אמוראים זענען נפטר געווארן און זאגט כי נח נפשי' דר' מנחם אישתעו צלמנייא, נימוחו פרצוף שלהן, צוגאנגען זייער פנים פון ער"ז, רש"י, והוו למחלצייא, שבה מטחין טיט הכותל, די ער"ז איז צוגאנגען און מען האט דאס גענוצט צו קאלאכען די שטוב, רש"י, און רש"י זאגט: דרבי מנחם – בנן של קדושים שלא נסתכל אף בצורה של זוזא כדאמרינן בערבי פסחים (דף קד.): "מאן ניהו בנן של קדושים רבי מנחם בר סימאי ואמאי קרו ליה בנן של

קדושים דלא איסתכל בצורתא דזוזא" און דעריבער אפילו די מטבעות וואס האבן געהאט די צורה פון עו"ז איז געווארן אויס געמעקט, ווייל ער האט נישט געקוקט אויף די צורה פון מטבע אזוי ווי די גמ' ברענגט פון ר' מאיר, קומט אויס אז גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן, (חולין דף ז:) ווייל ביי זייער לעבן האבן זיי נישט געקענט אויסמעקן עו"ז אבער ביי זייער מיתה האבן זיי יא געקענט, זאגט דער הייליגער תורה צו די אידן ווען איר וועט אריינגיין אין א"י און היטן די מצוות וועט איר זיין גרעסער פון צדיקים, אז אַבֵּד תְּאַבְּדוּן וגו' וּפְסִילֵי אֱלֹהֵיהֶם תְּגַדֵּעוּן, אפילו ביי אייערע לעבן אזוי ווי עס שטייט אֲשֶׁר־אַתֶּם חַיִּים עַל־הָאֲדָמָה: (תנופה חיים ר' חיים פאלאג'י)

הגליון מוקדש לעי"נ זקיני הר"ר יצחק בן יהודה זבולון הלוי קליטניק ז"ל א' אלול תשמ"א. ולעי"נ חמותי מרת שרה ע"ה -אשת חבר של מו"ח הרה"צ ר' יוסף בהרה"צ ר' ישראל טויסיג זצ"ל- בת ר' חיים אהרן הכהן כ"ץ חתן הרה"צ ר' ברוך מבאטיו זצוק"ל ב' אלול תשנ"ב.

## מדור העובדות

### הרה"ק ר' מרדכי שרגא פון הוסיאטין זצוק"ל האט געהאלפן ביי זיין לעבן א איד אין בי"ד של מעלה

אין שטאט קיוב האט געוואוינט א דערהויבענער איד מיטן נאמען ר' יחיאל וואס איז געווען דבוק אין ה' ביי תורה ובתפלה. פארן שטארבן האט ער געשריבן א צוואה פאר זיין בן יחיד אז ער האט א נייע טלית וואס ער האט אוועק געלייגט אין שאפע אז מען זאל איהם באגראבן נאר מיט די נייעם טלית. נאכדעם ווען ער איז געשטארבן האט זיין זון ר' יעקב געליינט די צוואה. און ער איז געגאנגען צום שאפע און געטראפן דעם נייעם טלית און געזאגט פאר די חברא קדישא וואס זיין טאטע האט פארלאנגט און זיי האבן געזאגט אז דער טאטע האט אזוי געוואלט וועט מען אזוי טאן. די שמועה פון די צוואה פון באגראבן מיט א מענטש אין א נייע טלית האט זיך צושפרייט אין שטאט און א בחור א יתום קומט אריין און זאגט היות ער האט חתונה באלד און האט נישט קיין געלט צו קויפן א טלית, אויב ער קען האבן דעם נייע טלית פאר זיך.

דאס האט אריינגעלייגט ר' יעקב אין א קלעם וואס צו טאן. די חברא קדישא האבן געזאגט אז עס איז א ענין צו באגראבן מיטן טלית וואס מען האט גענוצט און בפרט אז זיין טאטע האט געהארעוועט ביים דאווענען און דאס איז פול מיט שוויים פון זיין עבודה ממילא איז בעסער און מער חשוב מען זאל נוצן זיין אלטן טלית, און בפרט אז א חתן א יתום דארף האבן א טלית, וועט די גרויסקייט פון הכנסת כלה זיכער זיין א גרויסן זכות פארן טאטן. ר' יעקב איז זיך שוקל אזוי אדער אזוי ביז ער האט מחליט געווען אז די חברא קדישא זענען גערעכט און די מצוה פון הכנסת כלה איז גרויס און ער גיט אוועק פארן חתן דעם נייעם טלית. דער חתן באדאנקט איהם זייער שטארק און ר' יעקט גייט צוריק אין צימער און נעמט דעם אלטן טלית און ר' יחיאל האט מען באגראבן מיט זיין אלטן טלית. די חברה קדישא האבן מעודד געווען ר' יעקב אז ער האט געטאן די ריכטיגער זאך.

עס גייט אריבער די שבעה און ר' יעקב חלומ'ט אז זיין טאטע קומט צו איהם און איז בייז אויף איהם פארוואס ער האט איהם נישט באגראבן מיטן נייעם טלית ווייל ער האט בושות, ווייל אלע נשמות גייען מיט א נייע און שיינע טלית און ער גייט מיט א אלטן טלית. ר' יעקב וועקט זיך אויף און ער האט אוועק געמאכט דעם חלום ווייל ער האט געמיינט אז דער חלום איז געווען דאס וואס ער האט געטראכט יענעם טאג צו ער האט גוט געטאן צו נישט. דער חלום האט זיך מער נישט איבער געחזר'ט און דעריבער האט ר' יעקב פארשטאנען אז דער חלום איז געווען גארנישט.

א שטיק צייט שפעטער איז ר' יעקב קראנק געווארן ביז זיין מצב איז געווארן נישט גוט. ער האט איינגעדרימלט און ער זעט ווי ער איז געשטארבן און דער מלאך פירט זיין נשמה ארויף העכער און העכער ביז ער גייט דורך א טונקעלע מערה און נאכדעם איז ארויס געקומען א גרויסע ליכטיגקייט. ער טרעפט זיינע קרובים און שנעל רופט מען אים און מען זאגט אז מען שטעלט איהם צו א דין תורה ווייל ער האט נישט געפאלגט זיין טאטנ'ס צוואה און זיין טאטע ליידט בושות וועגן איהם און די עבירה פון כיבוד אב איז זייער חמור. ביי דעם דין תורה זאגט דער קטיגור אז ר' יעקב דארף באקומען א גרויסן עונש און די דיינים פרעגן צו עס איז דא איינער וואס קען מליץ זיין אויף ר' יעקב אז ער האט געטאן גוט?

קומט צו גיין א איד מיט א הדרת פנים מיט א געבלומטע בעקעטשע און זאגט אז וויבאלד ר' יעקב האט געוואלט טאן דעם רצון פון טאטן נאר די מצוה פון הכנסת כלה איז געווען ביי איהם זייער חשוב און דאס איז א זכות פאר די נשמה און בפרט אז די טלית וואס מען האט איהם באגראבן איז געווען איינגעזאפט מיט שוויים פון דאווענען, ממילא האט ר' יעקב זייער גוט געטאן! האט דער בית דין דן געווען און געזאגט אז מען נעמט אן די רייד פון דעם סניגור און מען שיקט ר' יעקב צוריק צום לעבן. ער פילט ווי ער גייט אראפ און אראפ פון הימל ביז ער קומט צוריק אויף די וועלט און ער וועקט זיך אויף.

דער חלום האט צוטרייסלט ר' יעקב און בפרט דעם אימת הדין האט איהם שטארק אנגעצונדן צו וועלן קומען צו הויכע מדרגות האט ער מחליט געווען אז ער גייט זוכן א צדיק וואס זאל איהם געבן א דרך צו גיין העכער און העכער אין עבודת ה'. אזוי ווי אין קיוב איז נישט געווען קיין רבי'ס איז איהם געווען שווער צו טרעפן א מנהיג. עס איז אריבער 8 יאר פון זיין החלטה ווייל ער איז געווען פארנומען מיט זיין פרנסה און קינדער, ביז ווען איינער האט איהם געזאגט אז דער הייליגער ריזינער האט א זון ר' מרדכי שרגא פון הוסיאטין וואס איז א הימל רבי און ביי איהם וועסטו טרעפן וואס דו פארלאנגסט. ער נעמט זיך פאהרן דעם לאנגע נסיעה צו הוסיאטין און דארטן האט ער געטראפן די יושבים וואס הארעווען אין חסידות און די בחורים וואס לערנען מיט התמדה און דאס האט איהם אנגעצונדן און פארשטאנען אז דא איז זיין פלאץ.

ער האט געוואלט אריינגיין צום צדיק אבער יענע וואך האט דער צדיק זיך פארשפארט אין צימער און נישט אנגענומען מענטשן. ר' יעקב האט מחליט געווען אז ער וועט בלייבן דארט ביז ער וועט קענען אריינגיין צום רבין. דער טאג איז אנגעקומען וואס דער רבי האט געעפנט דעם טיר און ר' יעקב האט זיך אנגעגרייט אריינצוגיין צום רבין. ער האט געשריבן א קוויטל און אנגעגרייט א פדיון אוןווארט ביז זיין צייט איז אריינצוגיין. ווען ער איז אריינגעקומען און געוואלט געבן שלום פאר'ן רבין האט ר' יעקב געחלשט! דער גבאי האט איהם ארויסגענומען און דערמינטערט. ווען ר' יעקב איז געקומען צו זיך האט איהם דער גבאי געפרעגט פארוואס האט ער געחלשט? האט ער אים דערציילט זיין מעשה פון חלום און ווען ער האט דערזען דעם הייליגן צדיק האט ער איהם דערקענט אז ער איז געווען דער מליץ יושר וואס האט איהם געראטעוועט פון עונש ביים בית דין של מעלה. און דער רבי גייט אנגעטאן פונקט די זעלבע געבלומטע בעקעשטע פון דעמאלט'ס. דער גבאי האט איהם בארוהיגט און געזאגט אז ער האט שוין געהערט פון אנדערע אז דער רבי האט געטאן אזא זאך, אבער דער חידוש ביים גבאי איז געווען אז דער רבי נעמט אויף די חסידים אלעמאל מיט א פשוטע בעקעטשע און היינט האט דער רבי מיר געהייסן ארויס נעמען א געבלומבטע בעקעשטע, און וויל דאס גיין היינט אנגעטאן ביים אויפנעמען די חסידים! עס איז געווען ביי מיר געווען א וואונדער אבער יעצט זע איך שוין די כוונה פון רבי'ן. ער האט געזעהן ברוח קדשו אז דו גייסט קומען און דעריבער האט ער דאס געבעטן אנצוטאן! ר' יעקב איז אריין צום רבין און דער רבי האט איהם געגעבן א דרך אין עבודת ה' און ר' יעקב איז געווארן פון די גרויסער בני עליה פון דעם הייליגן הוסיאטינער זיע"א. (ספר אמרו צדיק)

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

*שו"ת נודע ביהודא תנינא דפו"ר שייך להר' יוסף בוימגארטן מצב מפואר $2000 ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר יעיר אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500, פינקס צדקה כתב יד פון הגאון ר' הענקין שנת תרפ"ד ברענגט אלע אדמור"ם און גדולי הראשי ישיבות וויפיל זיי באקומען און וועגן וואס זיי דארפן געלט, חפץ חיים, בריסק, ר' אלחנן, גזע אדמו"ר צאנז, ר' חנה, ראצפערט, שינאווע, און נאך און נאך $6500, תהלים פון הרה"ק ר' שלום שניצלער מטשאבא $1000 ספר לחם שמים יעב"ץ דפוס ראשון (ווערט $2500) און פרשת דרכים מיט איבער 100 הגהות פון הגאון ר' מרדכי מיכאל יפה תלמיד חת"ם סופר און מחבר שו"ת מהר"ם יפה און נאך ביידע פאר $8500 סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומאראנטן $1000, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי"ם זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500., א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, ספר אוצר הרבנים 200$ תשובה בכתב יד הגה"ק ר' יעקב עמדין וחזרת התשובה מהר' משה חאגיז. ספר טל חיים שהיה שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא. מכתב מישיבת באבוב עם חתימות הקדושת ציון ועוד שני רבני באבוב $15000, **4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA**

**718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store**

**from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת